אים געגעבן דעם בונד (ברית) פֿון מילה; און
אַזוי האָט ער (אברהם) געבוירן יצחקן און אים מל
געווען דעם אַכטן טאָג, און יצחק האָט געבוירן
9 יעקבן, און יעקב—די צוועלף ראשי האבות. און
די ראשי האבות, מקנא זייענדיק יוספֿן, האָבן אים
פֿאַרקויפֿט קיין מצרים; און ג־ט איז געווען מיט
10 אים, און האָט אים מציל געווען פֿון אַלע זיינע
צרות, און אים געשענקט חן און חכמה פֿאַר פּרעהן,
דעם מלך פֿון מצרים; און ער האָט אים באַשטימט
פֿאַר אַ מושל איבער מצרים און איבער זיין
11 גאַנץ הויז. און עס איז געוואָרן אַ הונגער איבער
גאַנץ מצרים און כנען, און אַ גרויסע צרה, און
אונזערע עלטערן האָבן נישט געפֿונען קיין שפּייז.
12 ווען אָבער יעקב האָט געהערט, אַז עס איז דאָ ווייץ
אין מצרים, האָט ער דאָס ערשטע מאָל אַרויס־
13 געשיקט אונזערע פֿאָטערס. און דאָס אַנדערע מאָל
האָט יוסף זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער,
און יוספֿס אָפּשטאַמונג איז באַקאַנט געוואָרן צו
14 פּרעהן. און יוסף האָט געשיקט און גערופֿן זיין
פֿאָטער יעקב און די גאַנצע משפּחה, פֿינף און
15 זיבציק נפֿשות. און יעקב האָט אַראָפּגענידערט
קיין מצרים, און איז געשטאָרבן און אונזערע
16 פֿאָטערס, און מען האָט זיי איבערגעבראַכט קיין
שכם און געלייגט אין דעם קבר, וואָס אברהם האָט
געקויפֿט פֿאַר אַ געלט־פּרייז פֿון חמורס זין אין
17 שכם. און אַזוי ווי עס האָט זיך דערנענטערט די
צייט פֿון דער הבטחה, וועגן וועלכער ג־ט האָט
צוגעשוואוירן צו אברהמען, איז דאָס פֿאָלק געוואַקסן
18 און זיך פֿאַרמערט אין מצרים; ביז איבער מצרים
איז אויפֿגעשטאַנען אַן אַנדערער קעניג, וועלכער
19 האָט נישט געקענט יוספֿן. דער דאָזיקער האָט